# גליון בת עין

דבר השוה לכל נפש

אידיש

גליון פה • שנה ב

ויקהל

תשפ"ה


## פרשת ויקהל

### תוכן הדרוש


[א] לשון הפסוקים. / די עִיקָר כַּוָּונַת בְּרִיאַת הָעוֹלָם איז געווען וועגן יִרְאָה. / יִרְאָה ווערט אנגערופן די בְּחִינַת 'לֵב'. / דער באשעפער איז חוֹקֵר לֵב 'וּבוֹחֵן כְּלָיוֹת'.

[ב] בִּנְיַן הַמִּקְדָּשׁ אין א יוד'ס הארץ. / א נייע טייטש אין 'כִּי לַד' הַמְּלוּכָה וּמוֹשֵׁל בַּגּוֹיִם'. / די אֵפוֹד איז מרמז צו בחינת יִרְאָה. / די תפלה 'וְטַהֵר לִבֵּנוּ לְעָבְדְּךָ בֶּאֱמֶת'.

[ג] פשט אין פסוק וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה. / לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכָל מוֹשְׁבֹתֵיכֶם.


### פארווארט

הרה"ק ר' שמואל פון ניקלשבורג האט אמאל פארציילט וואס עס איז געשען יונגערהייט ווען ער איז נאכנישט געווען באקאנט און געלעבט ארימערהייט באשיידן.

איז אמאל געקומען צו אים א ארימאן און אים געבעטן צדקה, און אזוי ווי ר' שמעלקא האט נישט געהאט ביי זיך קיין געלט האט ער געזוכט אין שטוב עפעס א מטבע ביז ער האט עפעס געטראפן און האט עס געגעבן דעם ארימאן. עס גייט אריבער עטליכע מינוט און זיין חשובע רביצין באמערקט אז די מטבע פעלט, און פרעגט אים ווי איז די מטבע ? זאגט ער אז ער האט עס געגעבן פארן ארימאן, האט זי זיך צושריגן 'אוי דאס איז דאך א טייערע מטבע, ס'איז ווערט 24 רענדלעך' (אזוי ווי למשל א קווארע"ר היינטיגע צייטן).

ר' שמעלקא איז שנעל ארויסגעלאפן און נאכגעיאגט דעם ארימאן, דער ארימאן וואס האט געזען אז ר' שמעלקא לויפט אים נאך האט געמיינט אז ר' שמעלקא האט חרטה איז ער נאך שנעלער געלאפן, און ר' שמעלקא לויפט נאך שנעלער, ביז ר' שמעלקא האט אים געכאפט און דאן האט ער אים געזאגט 'גיב אכטונג אויף די מטבע – ס'איז זייער א טייערע מטבע – ס'איז 24 רענדלעך'.

יארן שפעטער האט ר' שמעלקא געטייטשט די מאמר חז"ל 'אמר הקב"ה מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה לך והודיעם' דער באשעפער האט געזאגט פאר משה גיי זאג די יודן וואספארא מתנה שבת איז און זיי זאלן איר נישט אויפטוישן פאר א גלעזל בראנפן מיט א שטיקל קוגל'.

אין די קומענדיגע תורה גייט אונז דער בת עין לערנען אז די עיקר זאך וואס דער באשעפער האט באשאפן 'יראה' – מורא האבן, איז כדי צו מורא האבן פון אים, לאמיר עס נישט פארטוישן און מורא האבן פון שטותים, נאר געדענקען אז כי להשם המלוכה ומושל בגויים.

### [א]

### לשון הפסוקים

[וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת־כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר־צִוָּה ד' לַעֲשֹׂת אֹתָם[א]] משה האט געמאכט איינזאמלען די גאנצע געמיינדע פון די יודישע קינדער און ער האט געזאגט צו זיי: די דאזיגע זאכן (די משכן און אלע צוגעהערן) זענען די זאכן וואס דער באשעפער האט געהייסן מאכן.

> שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וְגוֹ' לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכָל מוֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת וְגוֹ'.
> לְפָרֵשׁ עַל דֶּרֶךְ הַמּוּסָר, כְּתִיב (קהלת יב, יג) 'סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע אֶת הָאֱלֹהִים יְרָא וְאֶת

שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וְגוֹ'[ב]. זעקס טעג וועט (מעגן) געטאהן ווערן א ארבעט [אבער אינעם זיבעטן טאג זאל זיין פאר אייך הייליג, א גאנצע רוהיגע פאר דעם אייבערשטן, ווער עס טוט אין אים א ארבעט זאל ווערן געטויט]

לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכָל מוֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת וְגוֹ'[ג] איר זאלט נישט אנצינדן קיין פייער אין אלע אייערע וואוינונגען אין דעם טאג פון שבת.

### די עִיקָר כַּוָּונַת בְּרִיאַת הָעוֹלָם איז געווען וועגן יִרְאָה

לְפָרֵשׁ עַל דֶּרֶךְ הַמּוּסָר צו מפרש זיין די פסוקים אויף א וועג פון מוסר, כְּתִיב (קהלת יב, יג) 'סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע אֶת הָאֱלֹהִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר' וְגוֹ'

---

א. די פסוק שטייט נישט אנפאנג די תורה אבער בהמשך הדרוש וועט דער בת עין אויך טייטשען די פסוק.

ב. שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַיהוָה כָּל הָעֹשֶׂה בוֹ מְלָאכָה יוּמָת.

ג. לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת.

עס שטייט אין פסוק שלמה המלך זאגט ביי די ענד פון ספר קהלת: 'צום ענד פון אלעס זאג איך דיר אווארט (סוֹף - דָּבָר) וואס אלעס ווערסטו פארשטיין פון דעם (הַכֹּל נִשְׁמָע) און דאס איז: אז דעם באשעפער זאלסטו מורא האבן און זיינע מצות זאלסטו היטן ווייל דאס איז די גאנצע תכלית וואס א מענטש איז באשאפן געווארן', **שֶׁעִיקַּר כַּוָּונַת בְּרִיאַת הָעוֹלָם וְתַכְלִית כָּל הַנִּבְרָאִים הוּא בִּשְׁבִיל הַיִּרְאָה** ווייל די עיקר כוונה וואס די וועלט איז באשאפן געווארן און די ציל פון אלע באשעפענישן זענען וועגן די בחינה פון יִרְאָה.

מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר' וְגוֹ', שֶׁעִיקַּר כַּוָּונַת בְּרִיאַת הָעוֹלָם וְתַכְלִית כָּל הַנִּבְרָאִים הוּא בִּשְׁבִיל הַיִּרְאָה. וְלִבְחִינָה זוּ חוֹקֵר ה' תָּמִיד אִם הוּא בִּשְׁלֵימוּת, כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (ירמי' יז, י) 'אֲנִי ה' חוֹקֵר לֵב בּוֹחֵן כְּלָיוֹת'.

פֵּירוּשׁ שֶׁבְּחִינַת הַיִּרְאָה יַעַן שֶׁבִּשְׁבִילָהּ נִתְקַיְּימוּ כָּל הַנִּבְרָאִים, וְהוּא חַיּוּת שֶׁל כָּל הַנִּבְרָאִים, שֶׁאִלְמָלֵא הַיִּרְאָה לֹא נִבְרְאוּ כָּל הַנִּבְרָאִים וְלֹא נִתְקַיְּימוּ כַּיָּדוּעַ.

לָכֵן נִקְרֵאת בְּחִינַת יִרְאָה בִּבְחִינַת 'לֵב'.

וְזֶהוּ 'אֲנִי ה' חוֹקֵר לֵב', הַיְינוּ שֶׁחוֹקֵר אִם יֵשׁ בְּחִינַת לֵב בִּשְׁלֵימוּת.

'וּבוֹחֵן כְּלָיוֹת' מִלְּשׁוֹן 'כָּלְתָה נַפְשִׁי לָהּ" (תהלים פד, ג), הַיְינוּ אִם יֵשׁ בְּחִינַת אַהֲבָה וְכִלְיוֹן הַנֶּפֶשׁ לָהּ'.

## יִרְאָה ווערט אנגערופן די בְּחִינַת 'לֵב'

**וְלִבְחִינָה זוּ חוֹקֵר ה' תָּמִיד אִם הוּא בִּשְׁלֵימוּת** און צו די בחינה פון יִרְאָה טוט דער באשעפער שטענדיג פארשטן אויב דער מענטש האט עס בשלימות, **כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** (ירמי' יז, י) **'אֲנִי ה' חוֹקֵר לֵב בּוֹחֵן כְּלָיוֹת'** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'איך בין דער באשעפער און פארשט דעם מענטשן'ס הארץ און זעהט וואס דעם מענטשן'ס נירן טראכטן'.

**פֵּירוּשׁ שֶׁבְּחִינַת הַיִּרְאָה יַעַן שֶׁבִּשְׁבִילָהּ נִתְקַיְּימוּ כָּל הַנִּבְרָאִים** דאס מיינט אז וועגן די בחינת יִרְאָה וואס צוליב דעם ווערן אויפגעהאלטן די אלע באשעפענישן אויף די וועלט, **וְהוּא חַיּוּת שֶׁל כָּל הַנִּבְרָאִים** און די בחינה איז די לעבן פון אלע באשעפעניש, **שֶׁאִלְמָלֵא הַיִּרְאָה לֹא נִבְרְאוּ כָּל הַנִּבְרָאִים וְלֹא נִתְקַיְּימוּ כַּיָּדוּעַ**[ד] ווייל ווי באקאנט איז ווען נישט די בחינת יראה וואלט דער באשעפער נישט באשאפן און ער וואלט נישט אויפגעהאלטן די באשעפענישן אויף די וועלט.

**לָכֵן נִקְרֵאת בְּחִינַת יִרְאָה בִּבְחִינַת 'לֵב'** און דערפאר ווערט די בחינה פון יִרְאָה אנגערופן מיט די נאמען פון די בחינת 'לֵב' - ווייל דאס איז די עיקר פונעם מענטשן'ס לעבן.

## דער באשעפער איז חוֹקֵר לֵב 'וּבוֹחֵן כְּלָיוֹת'

**וְזֶהוּ 'אֲנִי ה' חוֹקֵר לֵב'** און דאס איז פשט אין די פסוק 'איך בין דער באשעפער וואס פארשט די בחינה פון (לֵב) די הארץ', **הַיְינוּ שֶׁחוֹקֵר אִם יֵשׁ בְּחִינַת לֵב בִּשְׁלֵימוּת** דאס מיינט אז דער באשעפער פארשט אויב ס'איז דא די בחינת לֵב – וואס דאס מיינט די בחינת יִרְאָה בשלימות.

**'וּבוֹחֵן כְּלָיוֹת' מִלְּשׁוֹן 'כָּלְתָה נַפְשִׁי לָהּ"** (תהלים פד, ג) און די פסוק זאגט ווייטער אז דער באשעפער 'זעהט די (נירן) כְּלָיוֹת' – וואס די ווארט 'כְּלָיוֹת' קען אויך טייטשן 'אויסגיין' אזוי ווי עס שטייט אין תהלים ווי דוד המלך זאגט 'כָּלְתָה נַפְשִׁי - מיין זעהל גייט אויס פון גלוסטעניש צום באשעפער', **הַיְינוּ אִם יֵשׁ בְּחִינַת אַהֲבָה וְכִלְיוֹן הַנֶּפֶשׁ לָהּ'** דאס מיינט די פסוק (אֲנִי ה' חוֹקֵר לֵב) 'וּבוֹחֵן כְּלָיוֹת' אז דער באשעפער קוקט אויף די 'כְּלָיוֹת' וואס איז די אהבה און גלוסטעניש וואס דער מענטש האט צו אים.

---

ד. ווי דער בת עין ברענגט באריכות אין פרשת מטות אז די גאנצע זאך וואס דער באשעפער האט באשאפן אלע ווילדע באשעפעניש אויפן וועלט איז די עס זאל זיין די בחינה פון יראה אויף די וועלט.

וְעַל בְּחִינָה זוֹ הוּא עִיקַּר בְּחִינַת הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, בְּחִינַת בִּנְיַן הַמִּקְדָּשׁ, כְּשֶׁיֵּשׁ בְּחִינַת יִרְאָה בְּלֵב יִשְׂרָאֵל אָז שׁוֹרָה בְּתוֹכָם הַשְּׁכִינָה.

וְהוּא בְּחִינַת בִּנְיַן הַמִּקְדָּשׁ, וּכְמַאֲמַר הַכָּתוּב (שמות כה, ח) 'וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם', מְלַמֵּד שֶׁהַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה בְּתוֹךְ כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל (אלשיך עה"פ)[א].

הַיְינוּ שֶׁזֶּהוּ גּוּפָא בְּחִינַת בִּנְיַן הַמִּקְדָּשׁ שֶׁיִּהְיֶה בְּחִינַת יִרְאָה בְּלֵב יִשְׂרָאֵל וְתִשְׁרֶה בָּהֶם הַשְּׁכִינָה כַּנַּ"ל.

וּכְשֶׁנִּסְתַּלֵּק חַס וְשָׁלוֹם הַבְּחִינַת יִרְאָה מִיִּשְׂרָאֵל נִסְתַּלֵּק חַס וְשָׁלוֹם הַשְּׁכִינָה וּבִנְיַן הַמִּקְדָּשׁ, וְנִתְגַּבְּרוּ הַגּוֹיִם.

וְזֶהוּ שֶׁאָמַר הַכָּתוּב (תהלים כב, כט) 'כִּי לַה' הַמְּלוּכָה וּמוֹשֵׁל בַּגּוֹיִם', פֵּירוּשׁ 'כִּי לַה'' עִיקַּר 'הַמְּלוּכָה', הַיְינוּ בְּחִינַת מַלְכוּת, בְּחִינַת יִרְאָה.

וְאִם חַס וְשָׁלוֹם לָאו, אֲזַי 'וּמוֹשֵׁל בַּגּוֹיִם', אָז עוֹשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹשֵׁל עַל יְדֵי הַגּוֹיִם, שֶׁמּוּכְרָחִים לְהִתְיָרֵא מִפְּנֵי הַגּוֹיִם שֶׁמִּתְגַּבְּרִים.

א. ז"ל באלשיך שם: בשום לב אל אומרו 'ושכנתי בתוכם' ולא אמר 'בתוכו'. והוא כי הנה שמעתי לומדים מכאן כי עיקר השראת שכינה באדם הוא, ולא בבית, מאומרו 'בתוכם'.

[ב]

## בִּנְיַן הַמִּקְדָּשׁ אין א יוד'ס הארץ

**וְעַל בְּחִינָה זוֹ הוּא עִיקַּר בְּחִינַת הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה** און צוליב די בחינה פון יִרְאָה וואס א יוד האט איז די עיקר הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, **בְּחִינַת בִּנְיַן הַמִּקְדָּשׁ** וואס די בחינה הייסט די בחינה פון בִּנְיַן הַמִּקְדָּשׁ, **כְּשֶׁיֵּשׁ בְּחִינַת יִרְאָה בְּלֵב יִשְׂרָאֵל אָז שׁוֹרָה בְּתוֹכָם הַשְּׁכִינָה** ווייל ווען עס איז דא די בחינה פון יִרְאָה אין א יוד'ס הארץ דעמאלסט רוהט דארט די שכינה, **וְהוּא בְּחִינַת בִּנְיַן הַמִּקְדָּשׁ** און דאס איז די בחינה פון יִרְאָה – אויפבויען די בית המקדש.

**וּכְמַאֲמַר הַכָּתוּב** (שמות כה, ח) **'וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם'** און אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'און עטס זאלטס מאכן א בית המקדש און איך וועל רוען צווישן ענק', **מְלַמֵּד שֶׁהַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה בְּתוֹךְ כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל** (אלשיך עה"פ)[ה] דאס קומט אונז צו לערנען אז די שכינה רוהט אין יעדן איינעם פון די יודן.

**הַיְינוּ שֶׁזֶּהוּ גּוּפָא בְּחִינַת בִּנְיַן הַמִּקְדָּשׁ שֶׁיִּהְיֶה בְּחִינַת יִרְאָה בְּלֵב יִשְׂרָאֵל וְתִשְׁרֶה בָּהֶם הַשְּׁכִינָה כַּנַּ"ל** דאס מיינט צו זאגן אז דאס אליין איז די בחינה פון בִּנְיַן הַמִּקְדָּשׁ אז ס'זאל זיין די בחינת יִרְאָה אין א יודישע הארץ און ס'זאל ווי אויבענדערמאנט רוען אין זיי די שכינה.

**וּכְשֶׁנִּסְתַּלֵּק חַס וְשָׁלוֹם הַבְּחִינַת יִרְאָה מִיִּשְׂרָאֵל** און ווען עס טוט זיך חַס וְשָׁלוֹם אפ די בחינת יִרְאָה פון די יודן, **נִסְתַּלֵּק חַס וְשָׁלוֹם הַשְּׁכִינָה וּבִנְיַן הַמִּקְדָּשׁ** דעמאלסט טוט זיך חַס וְשָׁלוֹם אפ די שכינה און די בחינה פון בנין המקדש פון די יודן, **וְנִתְגַּבְּרוּ הַגּוֹיִם** און די גוים טוען זיך שטארקן.

## א נייע טייטש אין 'כִּי לַה' הַמְּלוּכָה וּמוֹשֵׁל בַּגּוֹיִם'

**וְזֶהוּ שֶׁאָמַר הַכָּתוּב** (תהלים כב, כט) **'כִּי לַה' הַמְּלוּכָה וּמוֹשֵׁל בַּגּוֹיִם'** און דאס איז וואס די פסוק זאגט (אז דעמאלסט ווען משיח וועט קומען וועלן אלע פעלקער אנערקענען) 'די קעניגרייך געהערט צום אייבערשטן און ער איז דער געוועלטיגער צווישן די פעלקער'.

**פֵּירוּשׁ 'כִּי לַה'' עִיקַּר 'הַמְּלוּכָה'** דאס מיינט צו זאגן אז די עיקר און עכטע מלוכה דארף צו זיין פארן באשעפער, **הַיְינוּ בְּחִינַת מַלְכוּת** וואס דאס מיינט די בחינה פון מַלְכוּת, **בְּחִינַת יִרְאָה**[ו] וואס בחינת מַלְכוּת מיינט די בחינת יִרְאָה פונעם באשעפער.

**וְאִם חַס וְשָׁלוֹם לָאו** און אויב חס ושלום די יודן האבן נישט די בחינת יִרְאָה פונעם באשעפער, **אֲזַי 'וּמוֹשֵׁל בַּגּוֹיִם'** דעמאלסט געשעהט ווי די פסוק זאגט ווייטער 'וּמוֹשֵׁל בַּגּוֹיִם', **אָז עוֹשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹשֵׁל עַל יְדֵי הַגּוֹיִם** דעמאלסט מאכט דער באשעפער אז ס'זאל זיין א מוֹשֵׁל (א געוועלטיגער) דורך די גוים, **שֶׁמּוּכְרָחִים לְהִתְיָרֵא מִפְּנֵי הַגּוֹיִם שֶׁמִּתְגַּבְּרִים** אז מען מוז מורא האבן פון די גוים וואס זיי שטארקן זיך אויף די יודן,

ה. דאס איז א לשון פון אלשיך הקדוש: **בשום לב אל אומרו 'ושכנתי בתוכם' ולא אמר 'בתוכו'** [ווען אונז וועלן צולייגן הארץ וועלן מיר זעהן אז די פסוק זאגט 'ושכנתי בתוכם' (איך וועל רוען צווישן זיי) און עס שטייט נישט 'בתוכו' (איך וועל רוען אין אים – אין די משכן)], **והוא כי הנה שמעתי לומדים מכאן כי עיקר השראת שכינה באדם הוא** [און איך האב געהערט אז פון דא לערנט מען ארויס אז די עיקר השראת השכינה איז אינעם מענטש], **ולא בבית** [און נישט אינעם בית המקדש], **מאומרו 'בתוכם'** [אזוי ווי די פסוק זאגט איך וועל רוען 'בתוכם' – צווישן זיי].

ו. דאס מיינט צו זאגן אז די אמת'ע בחינה פון יראה דארף זיין נאר פונעם באשעפער.

וְאָז עַל יְדֵי זֶה יַחְזִירוּ יִשְׂרָאֵל לְהִתְיָרֵא רַק מִפְּנֵי ה׳, וְיָבֹא הַיִּרְאָה בְּלֵב יִשְׂרָאֵל מִפְּנֵי ה׳ וַהֲדַר גְּאוֹנוֹ, וְנַעֲשָׂה בְּחִינַת פְּדוּת, וְיִפָּדוּ יִשְׂרָאֵל מִבֵּין הַגּוֹיִם, וְיִבָּנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

וְזֶהוּ בְּחִינַת הָאֵפוֹד שֶׁהָיָה עַל לֵב אַהֲרֹן תָּמִיד, לְרַמֵּז שֶׁעַל יְדֵי גּוֹדֶל הַיִּרְאָה וּבְחִינַת הַשְׁרָאַת הַקְּדוּשָּׁה שֶׁהָיָה בְּלֵב אַהֲרֹן הָיָה בְּחִינַת אֵפוֹד, בְּחִינַת פְּדוּת.

וְזֶהוּ עִיקַּר עֲבוֹדָתֵינוּ לְטַהֵר לִבֵּנוּ שֶׁיִּהְיֶה בְּחִינַת לֵב, בְּחִינַת יִרְאָה בְּטָהֳרָה, שֶׁיִּהְיֶה זָךְ בִּלְתִּי לַה׳ לְבַדּוֹ.

וּלְזֶה אָנוּ מִתְפַּלְּלִים ׳וְטַהֵר לִבֵּנוּ לְעָבְדְּךָ בֶּאֱמֶת׳, שֶׁיִּהְיֶה הַלֵּב דָּבוּק בִּבְחִינַת ׳אֱמֶת׳, אוֹת מ׳, כִּי מֵ״ם הוּא בְּחִינַת יִרְאָה שֶׁהוּא מַקֶּפֶת אֶת הָאָדָם, כַּנִּזְכָּר בְּפָּרָשִׁיּוֹת הַקּוֹדְמוֹת[ב].

ב. וראה עוד להלן ד״ה אלה הדברים: וזהו כשרצה הקב״ה לבנות את המשכן הזהיר את בני ישראל על בחינת היראה, כמאמר הכתוב ויקה״ל מש״ה גימטריא מלכו״ת, פירוש שהמשיך להם בחינת יראה כנ״ל, והזהיר להם לעשות ׳אותם׳, נוטריקון אות מ״ם, פי׳ מ״ם מרמז למלכות, ר״ל בחינת יראה כנ״ל, וזהו שהזהיר להם משה רבינו ע״ה לעשות, פי׳ להשלים בחינת אות מ׳ במדת היראה, ובנין בית המקדש ושמירת שבת שמרמזת ג״כ על בחינת יראה.

**וְאָז עַל יְדֵי זֶה יַחְזִירוּ יִשְׂרָאֵל לְהִתְיָרֵא רַק מִפְּנֵי ה׳** און דעמאלסט וועלן זיך די יודן דורכדעם זיך צוריקערן און מורא האבן נאר פונעם באשעפער.

**וְיָבֹא הַיִּרְאָה בְּלֵב יִשְׂרָאֵל מִפְּנֵי ה׳ וַהֲדַר גְּאוֹנוֹ** און עס וועט אריינקומען די בחינה פון יראה אין די יודישע הארץ נאר פונעם באשעפער (און נישט פון די גוים) און פון אנערקענען דעם באשעפער׳ס שטארקייט, **וְנַעֲשָׂה בְּחִינַת פְּדוּת**[ז] און עס וועט ווערן א בחינה פון פְּדוּת, **וְיִפָּדוּ יִשְׂרָאֵל מִבֵּין הַגּוֹיִם** און די יודן וועלן אויסגעלייזט ווערן פון די גויים, **וְיִבָּנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ** און עס וועט אויפגעבויעט ווערן די בית המקדש.

## די אֵפוֹד איז מרמז צו בחינת יִרְאָה

**וְזֶהוּ בְּחִינַת הָאֵפוֹד שֶׁהָיָה עַל לֵב אַהֲרֹן תָּמִיד** און דאס איז די בחינה פון די אֵפוֹד וואס איז שטענדיג געווען אויף אהרן׳ס הארץ, **לְרַמֵּז שֶׁעַל יְדֵי גּוֹדֶל הַיִּרְאָה וּבְחִינַת הַשְׁרָאַת הַקְּדוּשָּׁה שֶׁהָיָה בְּלֵב אַהֲרֹן הָיָה בְּחִינַת אֵפוֹד** ווייל דאס קומט צו מרמז זיין אז דורך די גרויסע יראה און די בחינה פון די קדושה וואס האט גערוהט אין אהרן׳ס הארץ איז געווען די בחינה אֵפוֹד, **בְּחִינַת פְּדוּת** וואס אֵפוֹד (וואס איז די שורש פון די ווארט פְּדוּת) איז די בחינה פון פְּדוּת.

**וְזֶהוּ עִיקַּר עֲבוֹדָתֵינוּ לְטַהֵר לִבֵּנוּ** און דאס איז אונזער עיקר עבודה צו מאכן ריין אונזער הארץ, **שֶׁיִּהְיֶה בְּחִינַת לֵב** אונז זאלן האבן די בחינת לֵב, **בְּחִינַת יִרְאָה בְּטָהֳרָה** וואס לֵב מיינט די בחינת יִרְאָה מיט טָהֳרָה, **שֶׁיִּהְיֶה זָךְ בִּלְתִּי לַה׳ לְבַדּוֹ** אז די יִרְאָה זאל זיין ריינערהייט נאר פארן באשעפער אליין (און נישט וועגן די גויים).

## די תפלה ׳וְטַהֵר לִבֵּנוּ לְעָבְדְּךָ בֶּאֱמֶת׳

**וּלְזֶה אָנוּ מִתְפַּלְּלִים ׳וְטַהֵר לִבֵּנוּ לְעָבְדְּךָ בֶּאֱמֶת׳** און אויף דעם דאווענען אונז צום באשעפער ׳און זאלסט ריינִיגן אונזער הארץ אונז זאלן דיר קענען דינען מיט א אֱמֶת׳, **שֶׁיִּהְיֶה הַלֵּב דָּבוּק בִּבְחִינַת ׳אֱמֶת׳** אז די הארץ זאל זיין באהאפטן מיט די בחינת אֱמֶת, **אוֹת מ׳** וואס די ווארט ׳אֱמֶת׳ איז צוזאמגעשטעלט פון די צוויי ווערטער ׳אות מ׳.

**כִּי מֵ״ם הוּא בְּחִינַת יִרְאָה שֶׁהוּא מַקֶּפֶת אֶת הָאָדָם**[ח] ווייל די אות מ׳ איז מרמז צו די בחינת יראה וואס נעמט ארום דעם מענטש, **כַּנִּזְכָּר בְּפָּרָשִׁיּוֹת הַקּוֹדְמוֹת**[ט] אזוי ווי עס איז דערמאנט אין די פריעדיגע פרשיות.

ז. דאס מיינט אז דורך אנערקענען די גרויסקייט פונעם באשעפער וועט דער באשעפער מאכן די בחינה פון פְּדוּת – אויסלייזן די יודן.

ח. און דאס מיינט די תפלה ׳וְטַהֵר לִבֵּנוּ לְעָבְדְּךָ בֶּאֱמֶת׳ אז אונז זאלן זוכה זיין צו דינען דעם באשעפער מיט די בחינה פון ׳אֱמֶת׳ וואס מיינט יראה.

ט. אין די קומענדיגע תורה ד״ה אלה הדברים זאגט אויך אזוי דער בת עין: **וזהו כשרצה הקב״ה לבנות את המשכן הזהיר את בני ישראל על בחינת היראה** [און דערפאר ווען השי״ת האט געהייסן די יודן בויען די משכן האט ער אנגעזאגט די יודן וועגן די בחינת יראה], **כמאמר הכתוב ויקה״ל מש״ה גימטריא מלכו״ת** [אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ׳ויקהל משה׳ וואס איז בגמטריא ׳מלכות׳], **פירוש שהמשיך להם בחינת יראה כנ״ל** [דאס מיינט ווי אויבענדערמאנט אז משה האט ממשיך געווען אויף זיי די בחינת יראה], **והזהיר להם לעשות ׳אותם׳ נוטריקון אות מ״ם** [און ער האט זיי אנגעזאגט אז זיי זאלן טאהן ׳אותם׳ וואס איז די ווערטער ׳אות מ׳], **פי׳ מ״ם מרמז למלכות** [דאס מיינט מ׳ וואס איז מרמז אויף מלכות], **ר״ל בחינת יראה כנ״ל** [וואס מלכות איז מרמז אויף יראה ווי אויבענדערמאנט], **וזהו שהזהיר להם משה רבינו ע״ה לעשות** [און דאס איז וואס משה רבינו האט זיי אנגעזאגט צו טאהן], **פי׳ להשלים בחינת אות מ׳ במדת היראה** [דאס מיינט צו משלים זיין די אות מ׳ מיט די מדת היראה], **ובנין בית המקדש ושמירת שבת שמרמזת ג״כ על בחינת יראה** [און בנין בית המקדש און שמירת שבת וואס איז אויך מרמז אויף די בחינת יראה].

וְזֶהוּ מְרוּמָּז בְּפָסוּק וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה גִּימַטְרִיָּא מַלְכוּת, בְּחִינַת יִרְאָה.
'אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשׂוֹת אוֹתָם', 'אוֹת מֵ"ם', הַיְינוּ שֶׁצִּוָּה ה' לַעֲשׂוֹת בְּחִינַת אוֹת מֵ"ם, בְּחִינַת יִרְאָה בִּשְׁלֵימוּת.
וּמְרוּמָּז בְּפָסוּק 'לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מוֹשְׁבֹתֵיכֶם' רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אוֹתִיּוֹת לֵב אֱמֶת, שֶׁיִּהְיֶה הַלֵּב דָּבוּק בִּבְחִינַת אֱמֶת כַּנַּ"ל.
יְהִי רָצוֹן שֶׁנִּזְכֶּה לָזֶה, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

[ג]

## פשט אין פסוק וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה

**וְזֶהוּ מְרוּמָּז בְּפָסוּק וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה גִּימַטְרִיָּא מַלְכוּת** און דאס איז מרומז אין די ווערטער פון די פסוק **וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה** - 'און משה האט איינגעזאמלט' וואס די צוויי ווערטער **וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה** איז בגמטריא ווי די ווארט **'מַלְכוּת'**, **בְּחִינַת יִרְאָה** וואס **מַלְכוּת** מיינט די בחינת יִרְאָה.

**'אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשׂוֹת** אוֹתָם' ווי די פסוק זאגט ווייטער אז משה רבינו האט זיי געזאגט וואס דער באשעפער האט זיי באפוילן לַעֲשׂוֹת 'אוֹתָם' – זיי צו טאהן, **'אוֹת מֵ"ם'** וואס די ווארט **'אוֹתָם'** איז צוזאמגעשטעלט פון די צוויי ווערטער **'אוֹת - ם'**.

**הַיְינוּ שֶׁצִּוָּה ה' לַעֲשׂוֹת בְּחִינַת אוֹת מֵ"ם** דאס מיינט די פסוק צו זאגן 'אֲשֶׁר צִוָּה ד' לַעֲשׂוֹת אוֹתָם' אז דער באשעפער האט זיי באפוילן צו טאהן די אות ם', **בְּחִינַת יִרְאָה בִּשְׁלֵימוּת** וואס די אות ם' איז מרמז צו די בחינת יִרְאָה בשלימות.

## לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מוֹשְׁבֹתֵיכֶם

**וּמְרוּמָּז בְּפָסוּק** 'לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מוֹשְׁבֹתֵיכֶם' **רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אוֹתִיּוֹת לֵב אֱמֶת** און דאס איז מרומז אין די ווערטער פון די פסוק **'לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מוֹשְׁבֹתֵיכֶם'** וואס די ראשי תיבות איז **'לֵב אֱמֶת'**, **שֶׁיִּהְיֶה הַלֵּב דָּבוּק בִּבְחִינַת אֱמֶת כַּנַּ"ל** אז די הארץ זאל זיין באהאפטן אין די בחינת אמת ווי אויבענדערמאנט.

**יְהִי רָצוֹן שֶׁנִּזְכֶּה לָזֶה, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.**

**נתנדב ע"י**
הרה"ח ר' **זאב נפתלי ווייַנטרויב** הי"ו
לע"נ אמו החשובה הרבנית מרת **רבקה** בת הרב ר' **צבי** ע"ה
לרגל ההילולא כ"ה אדר
זכות רבינו המחבר יגן בעדו להתברך בכל מילי דמיטב אכי"ר

**לזיכוי הרבים:** די גליון איז דא צו באקומען וועכנטליך אין טאשער בית המדרש אין בארא פארק.

צו באקומען וועכנטליך די גליון ביי אימייל און צו באקומען טעגליכע שיעורים אין די ספר בת עין
שיקט א אימייל צו basayinyomi@gmail.com

**נעמט א חלק אין הפצת הגליון און זייט מנדב לעילוי נשמת אייערע קרובים און נאנטע**
פאר הערות און מנדב זיין נא לפנות Mechonusa@gmail.com